STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03355

IN MIDBER

Yitshak Elhanan Rontsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק אלחנן ראָנטש

אין מדבר

פּאָעמע

לאָס אַנדזשעלעס, 1969

YITZHAK ELCHANAN RONCH

IN MIDBOR

(In the Desert)

copyright 1969
By ISAAC E. RONCH

152 So. Sycamore Avenue, Los Angeles 36, California

209

יצחק אלחנן ראָנטש

אין מדבר

א דאַנק צו:

מערי ריטשמאַן

שמעון און מאלי טרייבוש

שמואל און איווא פראַנצבלוי

זוויהילער לאַנדסמאַנשאַפט

י. א. ראַנטש לייען־קרייז

יוסף און לילי קאָרן

דוד סעלצער

פאַר זייער פיינער קאָאָפעראַציע.

אין מדבר

פּאָעמע

1.

דער מדבר שלעפערט איין, דער מדבר שלאָפט,
דער מדבר שווערט, באַשווערט מיט שושקען, שווייגן.
די זאַמדן — זעגן, זיפּן דורך די האַרטע טריקעניש.
עס טוליען זיך פאַרמאָרעטע, שווינדזיכטיקע גרעזעלעך,
ווי אויסגעדאַרטע שטיף־קינדער אין אַ פאַרשאָלטן הויז.
עס שטעכן זיך די קעקטוס־קוסטעס,
געשטופּלטע, צעוואָרפענע, אָפּגעפרעמדטע,
פאַראורטיילטע צו איינזאַמקייט און אַליינקייט.

שוואַרצע מוראַשקעס זיך מערן,
פאַרנעמען ערד, הערשן און באַהערשן,
גריבלען זיך און גראַבלען, בויען בערגלעך פּיראַמידן,
טונקען זיך אין די טונעלן.
שטיינדלעך אָנגעשטאָפּט מיט שטומעניש,
פלאַכע פעלדער, גרוי און געל, וועלקן, וויינען, וואַרטן.

און ערגעץ־וואו, ווי קלאָגמוטערס באַבליפענדיק אַ מת,
שלעפערדיקע שפּערלינגען באַקוויטשען, באַדויערן,
ווילן אויפוועקן דעם אָרום —
אַ קוואַליק קול אין קלאַנגלאָזן מדבר.
און אויב ס'איז ניט גענוג די דאַר,
דאָס אויסקוואַרן און אויסצערן פון נאַטור,
די אויסגעזאַפּטע זאַפטן פונעם לעבן,
די ברוטאַלע האַרטקייט פון האַרצלאָזן
אויסגעשעפּטן, אויסגעוועפּטן עלטער;
אויב שטומער שטיין פאַרשטיינערט לופט
און אַלץ אין רוים וואָס האָט געאָטעמט —
האָבן די ברוטאַלע בערג,
מיט אָרעמס שטיקנדיקע,
אַריינגענומען מדבר ריזיקן
אין זייער שוים פון קיזל־שטיין
באַפּאַנצערט און באַפּעסטיקט, פאַרריגלט און פאַרזיגלט
און אויסגעשטעלט אַ ברוסט־קאַסטן

פון אַ שור הבר
און זיך אַליין באַשטימט פאַר שומר-וועכטער אייביקן
פון אויסגענאָגטן, אויסגעקוועטשטן, חלוש׳דיקן מדבר.

.2

און ווי די אָדם-נאַקעטקייט פון גלאַטן פלאַכלאַנד,
אַזוי פאַרשטיינערט נאַקעט איז דער בער, דער באַרג.
מיט גרויען נאַקן, מיט רוקן פון ראַסט,
מיט ברוינע בלאַנקע שפּיצן און פליכעוואַטן קאָפּ.

זיי ליגן אויסגעלייגט, די בערג,
איינער אויפן אַנדערן,
אָנגעשפּאַרט, צונויפגעקאָרטשעט,
ווי ס׳וואָלט זיי ענג געווען דאָ,
ווי ס׳וואָלט אויסגעפעלט פּלאַץ פאַר זיי אויפן ערד-קוגל.

אָט איז אַ באַרג: צעקנייטשט, מיט איינגעפּרעסטע גלידער,
מיט דער בולטער געשטאַלט

פון אַ פּרע־היסטאָרישער צעווירענער באַשעפעניש.
און אָט איז אַ באַרג צעקאַרבט, צעמעזשעט,
מיט יאָרן טויזנטער באַלאָדן.

און אָט האָט ווער אויסגעפּליקט שטיקער לייב
פון אַ באַרג מיט באַקן איינגעפאַלענע.
און אָט פאַרמעסטן זיך די בערג,
ווי יינגלעך —
ווער ס'איז אויסגעוואַקסן העכער
און שטעלן זיך
אויף די שפּיץ־פינגער דעם הימל צו דערגרייכן.

דער סאַמע העכסטער באַרג־קאָפּ
איז באַקרוינט, באַלוינט
מיט זילבערדיקן אייז וואָס גלאָצט און גלאַנצט
איבער אַלע אונטערטאַנען אַרום.
און ס'ציען זיך אַראָפּ אין גאַלאָפּ
פון אים די שניי־אָדערן
און ריזלען איבער זיין שוואַרצן, שווערן בויך.

.3

פון בראָטנדיקער היץ פאַרחלשט ליגט דער מדבר,
מיט לעפצן פאַרשמאַכטע;
נאָר באַרג דערלעבן פאַרפרוירן ווערט
פון פראָסט און גליווער און שטייפקייט.

עס גרויסט זיך קייט פון בערג מיט איר גבורה,
מיט איר מוסקול־מאַכט,
מיט דעם באַהעפט מיט וואָלקנס,
מיט דער פויסט צום הימל.

עס חוזקט באַרג אָפּ פון דער מדבר־נידער
און נאַקעט איז דער מדבר
און נאַקעט איז דער באַרג.
אוןביידע ליגן טיף אין דער אדמה.

פאַרשטיינערט איז דאָס האַרץ פון מדבר,
פאַרשטיינערט איז דאָס האַרץ פון באַרג,

פֿאַראייִנזאַמט איז די פֿלאַך,
פֿאַראייִנזאַמט איז די הייך.

די חמימה פֿון דער זון שרפֿ׳ט־אויס
דעם זאַמד און שטיין פֿון מדבר.
דיזעלבע זון קושט און גלעט
און קיצלט באַרג נאָך באַרג,
ווי אַ היים־באַגערטע געליבטע.

זי טאַנצט מיט אים, פֿאַרשלייערט אים
אין פֿיאָלעט־און גאָלד־וואָלן,
און טוט אים אָן אין בגדים אויסטערלישע —
אין שוואַרץ און ווייס און נעפּל־העל
מיט פֿראַנזן בלוי און פּאַסן רויט.

די קאַלטע, אויסגעקוואַרטע בלודנע בערג
ווערן פֿון דער זון באַפֿרוכפּערט
מיט פֿאַנטאַסטישע קאָלירן און פֿאַרבן

און ס׳דוכט זיך אוים,
אַז דאָס זיינען די בערג אַליין פון זיך
אַזוי שיין געוואָרן,
אַז פּלוצלינג זיינען זיי באַלעבט געוואָרן.

נאָר ווען די זון האָט אָ נ ג ע ש פּ י ל ט זיך שוין צו זאַט,
און לאַנגזאַם אַפּגערוקט זיך און אַ לעצטן גלעט געטאָן די קעפּ,
דאַן באַפאַלט אַ מוראדיקע שווארצקייט איבער בערג
און פאַרמלאַז, פנימלאַז ווערן זיי.
די גאַנצע ברייטע מאַכט פון טאָג פאַרשוואונדן.
און אַלץ וואָס בלייבט פון זיי אַצינד
איז דינער סילועט,
איז שווארצער זוים פון בעל-גופיקן באַרג.

און זייער ביטערן גורל באַוויינען
די הינטישע קאַיאָטן,
מיט קוויטשיקן געוואָי, מיט טענער טראַציקע,
וואָס דארפן לאָזן ווימן דעם אָרום,
אַז לויפנדיקע קאַיאָטן

זיינען הערשער, זיינען הארן
איבער ריזן־בערג ביינאַכט...

.4

ווען ס׳האָבן דיך פאַרפאָלגט די בלוטיקע געשטאַלטן פון וויעטנאַם;
ווען ס׳האָבן באָמבעס אין דיין האַרץ גענומען פּלאַצן;
ווען לופט איז דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט אַ האַס פון סם
און וואונדן האָט מען ניט געקאָנט מער קראַצן —

ביסטו אין טויטן מדבר דאָן אַוועק,
פון צאַפּלדיקן היינט ביסטו אַנטרונען.
פאַרפאָלגן וועט דיך דאָרטן ניט קיין שרעק,
און מעגן ברענען, בראָטן דיך די זונען.

מיט שטיינערדיקן שווייגן האָט באַגריסט דיך מדבר־ערד,
מיט שטיינערדיקע אָרעמס האָבן בערג אַרומגענומען.
דו האָסט דאָס וויסטע קול פון שטייפער שטומעניש דערהערט,
דו האָסט די טיפע טויטע וועלט פון אייביקייט באַנומען.

וואָס קאָנסט דערוואַרטן דו פון שטיין און זאַמד?

וואָס קאָנען בערג־עקרות דיר דען געבן?
זיי האָבן דיך פון דרויסן אָפּגעצאַמט,
זיי האָבן דיר פאַרשטעלט דאָס היינטיק לעבן.

דו שפּאַנסט אויף אומעטיקער קבר־ערד,
ס׳באַוועלטיקט שטילקייט דיך אַלץ מאָנאָטאָנער.
די בערג פאַרשטיינערטע — ראַסאָווע פערד
מיט הערשאַפטן פאַרגליווערטע אויף טראָנען.

אַ בוים פאַרבלאָנדזשעטער, אַ קוסט פאַרדאַרט,
אַ נעבעכדיקע שטייט די שטאָלצע פאַלמע;
דאָס גרינע גראָז, ווי ס׳וואָלט ווער אָפּגענאַרט,
און דו אַליין ביסט שטרויענדיקער אַלמן.

אַ ישוב אינעם מדבר: דאָ און דאָרט
צעוואָרפן הייזעלעך, ווי העלע פלאַנצן.
אַהער אַ מענטש פאַרפאַלענער פאַרפאָרט,
וואָס האָט פון וועלט זיך אויסגעטאָן אינגאַנצן.

און דאַך ביסטו געקומען דאָ אַהער
געפינען שלוה פונעם קאָך פון לעבן.
און אויפגענומען האָט דיך דאָ די ערד —
אַ מכנים-אורחטע אויף גאָרניט געבן.

די בערג — אָן האַרץ, אָן בלוט, נאָר שטאָר און שטייף,
דיין וואָרעם אויג ניט קאָן צו זיי דערדרינגען.
און אויב דערהערסט פון זיי אַ מאָל אַ פייף,
ווי ס'וואָלט אַ לץ אַ מת געגומען זינגען.

.5

דו ביסט אַליין אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען
און מיטאַמאָל דערבליקט אין ווייט אַ ווייסע פליאַזשע.
זיך טאָן אַ באָד דאָ גלייך האָסטו געהאַט פאַרלאַנגען —
נאָר באַלד האָסטו דערזען, אַז ס'נאַרן דיך מיראַזשן.

אַמאָל האָט זיך דיר גריילעך אויסגעוויזן,
ווי ס'פאָרן אין דער ווייט אַ מחנה עקיפּאַזשן

און איבער זיי עס הויערן די רייטער־ריזן...
גערייצט מיט דיר, געשפּילט זיך האָבן די מיראַזשן.

אין העלער ליכט פון טאָג דו האָסט אַזוי באַוואונדערט,
ווי ס׳האָבן גראַציעז פאַרנייגט זיך ווייסע פּאַזשן.
דו האָסט זיי פונעם וויסטן מדבר אָפּגעזונדערט...
באַוויזן האָבן זייערע קונצן די מיראַזשן.

עס האָט דערזען דיין אויג דאָס רויכערן פון קוימענס.
עס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון באַרג אַ שוואַרצע סאַזשע,
און באַלד שוין אוים — קרישטאָליק קלאָר די לופט אין רוים איז...
כסדר מאַניען דיך אין מדבר די מיראַזשן.

6.

אַ, וואונדער איבער וואונדער — ס׳איז געשען:
ס׳האָט טויטער מדבר לעבן גאָר געשאַפן.
דו ווייסט אַליין ניט וויאַזוי און ווען,
גענומען האָבן דיינע אויגן גאַפן.

אין ז י ך אַריינגעקוקט און דאָרט אַנטפּלעקט,
אַז מדבר האָט דיר וועג צו וועלט געוויזן.
אַנשטאָט פאַרשלעפּערן, דיך אויפגעוועקט.
די שפּיצן בערג געוואָרן זיינען שפּיזן.

דער מדבר איז פאַר דיר געווען אַ שול
צו קאָנען היינט אַטאָמישן באַגעגענען.
דו זאָלסט ניט זיין אין לעבן מער קיין נול,
דו זאָלסט ניט לאָזן באָמבעס דיך באַרעגענען.

דער מדבר איז געוואָרן דיר אַ פריינט;
האָסט אָנגעהויבן זיך אין אים פאַרטרויען.
און העלער האָבן הימלען דאָ געשיינט.
פרימאָרגנס לויטערער גענומען בלויען.

און ניט פאַרצאָמט עס האָבן הויכע בערג
קאַלעידעסקאָפּ פון דיינע ווייטע יאָרן.
געשטאַלטיקט האָט זיך דאָ דיין לעבנס־ווערק,
ווי מדבר־לופט, איז קלאָר געווען זכרון.

צוגאסט געקומען פלוצלינג דער אמאָל,
דו האָסט געאָרעמט זיך מיט נאָענטן נעכטן.
פון בארג געטראָגן זיך האָט הילכיק קול,
ווי האָפערדיקע רייד פון זין און טעכטער.

די שטים פון אינעווייניק אויך דערקענט.
געמאכט א דין-וחשבון מיטן מאָרגן;
אזויפיל בריקן הינטער זיך פארברענט,
אזויפיל אוצרות ליגן נאָך פארבאָרגן.

און ווי ס'האָט אָנגעהויפט די זאמדן ווינט,
אזוי האָט מדבר דיך אוועקגעטראָגן
צו יענער צייט ווען ביסט געווען א קינד
און ס'האָט פאר „מדבר" רבי דיך געשלאָגן.

.7

ווי אלט ביסטו געווען דאן? זיבן, אכט.
געענדיקט שוין „ויקרא"

און מיט דער עדה קינדער פון ישראל
אריין מיט זיי „במדבר".
אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט מיט משהן, אהרנען
און הויפּטזעכלעך געהערט די רייד פון גאָט.

געשטיגן ביסטו אויפן הויכן באַרג סיני.
טרוקן איז געווען דיין גומען פון היץ פון מדבר.
האָסט באַלאַנגט צום שטאַם פון די לויים
און האָסט גערייניקט זיך מיט זיי
און געהאָלפן טראָגן דעם משכן...
האָסט געדענקט די צאָלן פון די מחנות
און די שבטים מיט זייערע פאָנען.

נאָר אינדערהיים, אויפן רוישיקן טראָטואַר,
האָסטו געזען די הויכקייטן
בלויז פון די שמאָלע ציגל־קוימענס
מיט די געשוואָלענע זיילן שוואַרצן רויך
פון די לאָדזשער וועב־פאַבריקן.

האָסט אַריינגעזאַפּט אין זיך די דושנע וואַסערן

פון די לאַנגע הויכע רינשטאָקן,
האָסט געשראָקן זיך
פאַר די פאָנען פון די קאַלמיקן און קאָזאַקן
און זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן
אויף די שמחת־תורה־פענדלעך.

דו האָסט זיך אַנגעשלאָסן אין געהיים
אין די מחנות סטרייקנדיקע אַרבעטורער...
דו ביסט נאָכגעגאַנגען די פּראָצעסיעס
פון די פּוילישע כאַגעם.
האָסט מיטגעוויטיקט מיט די טרויעריקע לויות
פון די לאַנגע קאַפּאָטעס און שוואַרצע יידישע היטעלעך.

ביסטו פון גאַס, פון הויז
אַנטרונען...
אין מדבר אַוועק — צו משהן און אהרנען.
נאָר האָסט געכאַפּט אַ פּלעם אין באַק פון רבין,
ווען האָסט געפרעגט,

וואָס האָט די פרוי געטאָן צו פעלשן דעם מאַן
און געמוזט טרינקען די ביטערע וואַסערן.

מיט ביטול האָט דער רבי אויסגעטייטשט דעם פּסוק
„מיר געדענקען די פיש וואָס מיר האָבן געגעסן אין מצרים״.
„פאַרשטונקענע פיש האָבן זיי געגעסן!״, האָט ער גע׳חוזק׳ט
און זיך אַ גלעט געטאָן די האַלב-גרויע באָרד.

האָסט פון קינדווייז-אָן ניט ליב געהאַט קיין פליש
און די מאַמע האָט דיך געדאַרפט אונטערקויפן
מיט אַ גלאַנציקער רויטבעקלדיקער בולקע.
האָסטו אין „במדבר״ געלערנט,
אַז גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן
צו די קינדער פון ישראל:
„גאָט וועט אייך געבן פליש און איר וועט עסן.
ניט איין טאָג וועט איר עסן
און ניט צוויי טעג,
און ניט פינף טעג

און ניט צען טעג
און ניט צוואַנציק טעג;
ביז אַ חודש צייט,
ביז וואַנען עס וועט אייך קערן פון דער נאָז
און ס׳וועט אייך עקלען דערפון״.
ביסטו אַהיימגעלאָפן דערציילן דער מאַמען
די מעשה מיטן פלייש

און ס׳האָט די מאַמע אָנגעקוואָלן פון דיין גוט לערנען
און געזאָגט:
„דערצייל עס, קינד, דעם טאַטעשי, זאָל עס אים הנאה טאָן״.
און זי האָט דיינע בראָנזענע פיאות געקרייזלט.

עס האָט דיר ווי געטאָן וואָס מרים
איז פון צאָרנדיקן גאָט
געוואָרן ווייס ווי שניי,
נאָר האָסט דערפרייט זיך וואָס זי איז
נאָך זיבן טעג
אַריינגענומען געוואָרן צוריק אין לאַגער...

און מיטן פאָלק האָסטו געצויגן
און געררוט אין מדבר פרן (פּאַראַן).

דו ביסט געווען איינער פון דער עדה,
וואָס האָט געמורמלט קעגן משה'ן און אהרנ'ען,
מחמת דו האָסט ניט געוואָלט שטאַרבן אין וויסטן מדבר.

דו ביסט געווען אַ לעסטערער,
נאָר ס'איז ניט געווען דאָסזעלבע
וואָס אויף די לאָדזשער טראָטוארן,
וואו אַרבעטער פון פאַבריקן
האָבן געלעסטערט קעגן די פאַבריקאַנטן
און געהויבן פויסטן קעגן דער פּאָליציי.

דו ביסט געווען קעגן פּריסטאַוו און גובערנאַטאָר,
דו ביסט געווען מיטן „קליינעם בונד",
דו האָסט געזונגען אַ ליד וועגן דער רויטער פאָן.

האָסט ניט געקאָנט פאַרשטיין,
פאַרוואָס מען האַלט די יידן אַזוי לאַנג

אין שלעכטן, הייסן מדבר.
פאַרוואָס מען האַלט אין איין ציען
און זיין אומצופרידן.
דו ביסט געווען אין האַרצן מיט משה און אהרן,
דו ביסט געווען מיט דער עדה
פון די קינדער פון ישראל.

דו ביסט אַרויף אויפן שפּיץ באַרג
און געוואָלט זען דאָס נייע לאַנד
וואָס טריפט מיט מילך און האָניק.
דו האָסט געוואָלט אין יענעם לאַנד אַריין.
זיינען דאָך גערעכט געווען
די קינדער פון ישראל,
נאָר גאָט האָט דאָך בעסער פאַרשטאַנען
און משה און אהרן האָבן דאָך ליב געהאַט דאָס פאָלק.

און שפּעטער האָט גאָט געזאָגט,

אזוי צו זאָגן:
—און אייערע קליינע קינדער וועל איך ברענגען אַהין
און זיי וועלן דערקענען דאָס לאַנד,
נאָר איר —
אייערע פּגרים וועלן פאַרלענדט ווערן אין מדבר".

ביסטו געווען איינער פון די קליינע קינדער?
און ווען דו האָסט צומאַרגנס
געדאַרפט צוריק אין חדר גיין,
האָסטו זיך געזען אין מדבר־וועג
און האָסט געוואוסט אַז דאָרט
איז גאָרניט שטיל, גאָרניט שטיל.

עס האָט געקלונגען דיר אין אויער
דער נאָמען קרח
און אָפּגעהילכט האָט דתן און אבירם
און האָסט געוואָלט אין זיי פאַרגעסן.

און ס׳קעפל דיינס איז פול
מיט די שטראָף־רייד פון גאָט
וואָס רעדט און רעדט צו משה און אהרן,
און משה רעדט און רעדט צו די קינדער פון ישראל.

דו קומסט אהיים און גייסט אין קיך אריין
און רעדסט און רעדסט און רעדסט
צו יאַדוויגאַ, דער אַלטער פּוילישער דינסט;

דערציילסט איר וועגן מדבר,
דערציילסט איר וועגן מן,
וועגן דעם אַז די קינדער פון ישראל
זיינען געקומען צום מדבר צין
און מרים איז דאָרט געשטאָרבן
און דאָרט באַגראָבן געוואָרן.

און איצט שפּאַצירסטו זיך אַזוי
איבערן קאַליפאָרניער מדבר
און דערמאָנסט זיך, אַז די קינדער פון ישראל
האָבן ניט געהאַט קיין וואַסער

און דאָס פֿאָלק האָט געצערנט קעגן משהן:
„פֿאַרוואָס האָסטו אונדז אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים
און געבראַכט אין וויסטן מדבר
וואו ס'וואַקסן ניט קיין פֿייגן,
קיין וויינשטאָקן און מילגרוימען,
און וואו קיין וואַסער איז ניטאָ!"

און ס'פּאַלט דיר איצט איין
אַריינצוגיין אין שטוב און נעמען אַ שטעקן
און צוגיין מיט אים צו אַ פֿעלז
ביים פֿוס פֿון אַ באַרג
און אַ שלאָג טאָן מיט אים דעם פֿעלדז
און עס וועט אַ שפּריץ טאָן פֿון אים מיט וואַסער
און דו וועסט אָנטרינקען די עדה
און וועסט אָנטרינקען די פֿי...

האָסט באַקוקט די בערג פֿאַרנאַכט
און באַנאָמענט איינעם באַרג הויר.

אַט דאָרט איז אהרן פֿאַרגאַנגען אויף זיין שפּיץ
און דרייסיק טעג האָבן די יידן געטרויערט נאָך אים.

אַן אַנדערש מאָל, ביים זון־אונטערגאַנג,
האָסטו אין די ווילדע פֿאַסן פֿון הימל
פֿייערדיקע שלאַנגען דערזען,
וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט איבערצושרעקן
און טאַקע בייסן די קינדער פֿון ישראל.

מדבר, מדבר, מדבר.
געדענקסט די נעמען פֿון „במדבר״:
געצוויגן פֿון אובות
און גערוט אין עיי־עברים, אין מדבר וואָס פֿאַר מואב.

און ווידער דערמאָנסטו זיך
אַז דו האָסט געכאַפּט אַ פּאַטש אַ ביינערדיקן
פֿון אייביק־פֿאַרזאָרגטן רבין,
ווען האָסט אַזוי אַ פֿרעג געטאָן:

וואָס מיינט מען מיטן פסוק אַז
דאָס פאָלק האָט גענומען מזנה זיין
מיט די טעכטער פון מואב?

עס איז דיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן
ווען האָסט פאַרענדיקט „במדבר"
און ביסט מיט דער עדה
דורכגעגאַנגען דעם גרויסן מוראדיקן מדבר...
פערציק יאָר אין מדבר, פערציק יאָר אין מדבר —
און דו ביסט דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכט...

8.

פון אַלע קריגערייען,
מיטן גאַנצן טאַראַראַם,
פון בלוטיקע מלחמות
מיט אויסטערלישע זיגן,
די לופט פון ערד און רוים
פאַר'עיפּוש'ט ווערט, פאַר'סמ'ט.
פון קומענדיקע דורות

וועלן ווערן מיר פֿאַרדאַמט.
ניט שטאָלצע מענטשן זײַנען מיר געווען,
נאָר זשוזשענדיקע פֿליגן.

אַנטדעקונגען, דערפֿינדונגען,
די אוצרות פֿון פֿראַגרעס,
געוואָרן זײַנען טויטע
מדברדיקע ברוכוואַרג־שטיינער.
דער נוקלעאַרער ריז
פֿאַרוואַנדלט האָט זיך אין אַ מת,
און ס׳האָט די וועלט געוואַרט
אַז ס׳זאָל געשען דער גרויסער נס.
און ס׳זאָל די זקנה־ערד
אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

נאָר אומדערוואַרט האָט אַנגעוואָרן
ס׳לשון מענטש פֿון היינט,
דערגרייכנדיק אויף בבל־טורעם
שפּיציקסטע עטאַזשן.

אַ שוועבל־נעפּל האָט געוואַרגט,
די זון האָט ניט געשיינט,
און אויבן גאָר באַדראָט
האָט אומרחמנותדיקער פּיינט
און טיפע טרוימען האָבן זיך
פאַרוואַנדלט אין מיראַזשן.

אַ פאַסטקע איז געוואָרן ערד
און הערשער־מענטש — אַ מויז;
געדראַפּעט זיך אַהער־אַהין
אויף גאָלד־און זילבער־דראָטן.
דער מענטש, דער אייגנטימער
פון דעם אולטראַ־נייעם הויז
האָט אָנגעוואָרן גלייכגעוויכט
און זיך דערשראָקן בלויז
פאַר היימיש אייגענעם
אַלט־באַקאַנטן ליבן שאָטן.

געגריבלט זיך אין ביכער קלוגע

פון קדמונים אָן
און לייזונגען געזוכט.
געשלונגען דורשטיק גוטע עצות,
זיך אָנגעשלאָסן אין פּאַראַד,
געטראָגן שטאָלץ די פאָן
און ניט באַמערקט ווי פּלוצלינג שטייט
דאָס לעבן זיינס אין קאָן.
און עמיץ האָט אַ קנאַל־געטאָן די בייטש,
אַ צי געטאָן די לייצעס.

.9

דו האָסט דערשראָקן זיך פאַר בילד אויף טעלעוויזיע,
די היראָשימאַ־באָמבע איז געווען אַ שפּילצייג
קעגן איצטיקן פּאָלאַרים מיסל.
עס ווייזט דיר יעדן טאָג דער ציפערבלאַט:
די צאָל צעפליקטע יינגלעך אין וויעטנאַם,
די צאָל סטודענטן פאַרוואונדעטע אין סאַן דאָמינגאָ.
און שול־קינד ווייס פון מאַטעמאַטיק, אַז

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט צעדרויבט, צעשטויבט
זעקס־און־זיבעציק און אַ האַלב מיליאָן
מענטשן־קינדער.

און מאָרד און רויב באַהערשט די גאַס די אייגענע,
די נאָענטסטע אין דער משפחה ווערן שונאים.
דו קאָנסט שוין קיינעם ניט געטרויען מער,
אויך זיך אַליין ניט מער.

דו זעסט פאַר זיך דעם ערד־צעשטער,
דעם אויסראָט פון אַלץ וואָס לעבט און ליבט.

אין שווייגנדיקן שטומען מדבר ביסטו אַוועק
באַהאַלטן זיך אויף זיין בית עולם־ערד,
געפינען טרייסט און שוץ ביים שטייפן שטיין,
ביים פרע־אָדמדיקן געביין.

דיין האַרץ גייט־אויס נאָך שלום.
דיין מוח קאָן מער ניט משיג זיין

די ווילדע וועלט פון ציוויליזאַציע.
דיין בלוט פאַרגליווערט ווערט
פון טעגלעכע רציחות אויף דיין שוועל.
וואָס מער פּראָגרעס און שיינע לאַקרעץ־רייד,
אַלץ גרעסער איז די פּלאָג פון דזשאַנגל.

דו קאָנסט דיין שכן פון צווייטן הויז מער ניט פאַרשטיין.
האָסט אָנגעוואָרן דעם צוטרוי צו דיין נאָענטסטן.
קאָנסט זיך אַ ל י י ן ניט מער פאַרשטיין.
וואו איז די לייזונג? וואו?
פון וואַנען וועט קומען אונדזער הילף?

באַגרייפסט:
דער כרך, די פיל מיליאָנענדיקע מעטראָפּאָליע,
געוואָרן איז אַ וואָיענדיקער מדבר.
און שווייגנדיקער, שטומענדיקער מדבר?
און שטאָלצע שטיינערדיקע בערג?
און בית־עולם־לופט?

און טויט אויף גראָז און טויט אויף קעקטוס,
און טויט אויף פעלד פון זאַלץ? און טויט אויף פעלדז-גראַניט?
טויט אין הייסן זאַמד און קאַלטן ווינט?

באַגרייפסט:
עס האָט דער מדבר פון קאַליפאָרניע
צוריק אַריינגעפירט דיך אין דיינע חדר-יאָרן
צו „ויקרא" און „במדבר".
געקנעלט, געקנעלט, איינגעזונגען, איינגעחזרט,
און קנאַפּ-וואָס פאַרשטאַנען.

היינט כאַפּסטו זיך צוריק צום חומש,
זאַפּסט-איין אויפסניי דעם „במדבר"
און לערנסט, לערנסט, לערנסט טאַקע
און ס'ווערט אַ לעבעדיקער, ריזלדיקער קוואַל
דער אויסגעטריקנטער, פאַרשאָלטענער מדבר;
דער באַרג פון שטיין ווערט ווי אַ וועג-ווייזער, אַ פאַקל.

דער אַסטראָנאַט, קאָמפּיוטער-כישוף און גאון-מכשף
ווענדן זיך צום אַלטן מדבר, ווי דורשטיקער צום קוואַל,

נוקלעאַרע כלי־זין און פליער צו לבנה,
צו מאַרס און ווענוס,
שפּאַרן זיך צום שפּיץ מדבר־באַרג
וואָס זילבערט, שטראַלט און שפּרודלט מיט נייע אוצרות
און גאָלד, ווען אונטערגייענדיקע זון
לאָזט־איבער איר פאַרמעג אין זיין רשות.

.10

באַקענען וועט זיך מענטש פון היינט מיט שכנישע פּלאַנעטן
און גיין אַ טאַנץ מיט סאַטעליט.
און ס'וועט דער ערד־קוגל מאַדאַם לבנה אויך אַ גלעט טאָן
און מענטש צו שטערן מאַרס דערפליט
און זינגט פאַר אים אַ ליבעס־ליד.

און אויפשטיין וועט אַ נייער דור פון זינגער און פּאָעטן,
פון מדבר־זאַמד אַ יונגער דור,
און ס'וועלן בוקן זיך פאַר מדבר פרוכטבאַרע פּלאַנעטן
און אויפבליען וועט העלע וואָר
און אַלץ וועט ווערן זוניק־קלאָר.

און שטיינערדיקע בערג זיך וועלן מיט אַ קראַנץ באַצירן
און נידערן וועט הימל בלוי
צו זיי און אויפפראַלן פון רוימען סקריפּנדיקע טירן
און שטראַלן וועט מיט מאָרגן־טוי
די וועלט — און גוט וועט זיין אַזוי,
און גוט וועט זיין אַזוי.

.11

אַוועק ביסטו אין מדבר דאָך זיך אָנשעפּן מיט נייע כוחות,
פאַרגעסן זיך אין צרות פון פראַגרעס און מענטשן־מאָרד.
דו האָסט געגאַרט צו טוליען זיך צו וואַרעם מענטשלעך האַרץ
וואָס זאָל אַ מונטער טאָן דיין איינגעפאַלנקייט.
וואָס זאָל צוריק דערהויבן דיך
צום מענטשן־שטאַם דעם חשובן,
ניט שעמען זיך צו קאָנען ווייזן
דאָס וואַרעם פּנים דיינס צום מאָרגן ליכט.

איז אויסגעגאָסענע, פאַרקילטע לאַווע
געוועזן דאָס געגאַרטע האַרץ פאַר דיר?

איז אויסגעהלשטקייט פון היץ געווען
דיין גרויסע טרייסט און פעסטער אָנשפּאַר?

געגליט, געבריט האָט הייסער שטיין,
פאַרצערט האָט דורכדרינגענדיקע זון;
דער זאַמד געזיפּט האָט זודיק אויפן וועג
און טרעפּלדיק געוואָרן זיינען טריט.

ס׳האָט אָפּגעקילט פאַרנאַכט דער מאַטער;
אָוונטיקער ווינט געקאַטעוועט האָט לייב,
די שטילקייט האָט פאַרפראָרן ווייטיקן און פּיין.
דער מדבר איז געווען דער מושל איבער רוים.

האָסט אויפגעהויבן דיינע מידע אויגן
צו די דראָענדיקע, גאַרנדיקע בערג,
די אָנגעצויגענע און ברוגזע,
די סודותדיקע, מעכטיקע און שטייפע.

אַן אינערלעכער פראָסט געשלאָגן האָט פון זיי;

פאַרגלייוועדט איז געווען די פּראַכט און שיינקייט
פון זייער פאַרטאָגיקן דערוואַכן.

די שטילקייט פון דער נאַכט האָט דיין רו געדרויבט,
דאָס נעבעכדיקע איבעררופן זיך פון וואָיענדיקע קאַיאָטן
האָט אין דיין האַרץ טראָפּנווייז אַריינגעווייגט.

ביסטו אין דרויסן אַרויסגעגאַנגען
און מיטן באַנאַכטיקן מדבר זיך באַהעפט.
באַרינגלט האָבן דיך מיסטעריעזע ווייטקייטן,
און שוואַרצע פעסטונגען פון אַלע זייטן.
נאָר דאָרט פון אויבן —
אַ העל־באַלאָדענער אינטימער הימל,
אַ הימל נידעריקער מיט שטערן־פּערל אָנגעפּאַקט
מיט פינקלעדיקן אָנגעפּראָפּט.

אָט־אָ פאַלט ער פון דער שווערער משא אַרונטער.
מען דאַרף אים אונטערהייבן,
מיט חופּה־שטאַנגען אונטערהאַלטן.

אַ חתונה אין דער שטאָק-פינצטערניש,
מען פירט אַ כלה צו דער חופה,
מאַכט אַ וואָרע, מאַכט אַ וואָרע.

אַ ביסל ווייטער איבערן וועג
האָסטו די שטערן דערלאַנגען געקאָנט,
פולע קעשענעס מיט פערל אָנשטאָפּן געקאָנט.

און מיטאַמאָל איז אויפגעגאַנגען אין דיר
אַ דערהויבעניש אַזאַ, אַ ניט-דאָאיקע פרייד,
אַ זיכערקייט, אַ רו, אַ שלוה׳קייט,
וואָס האָסט דאָס טעלערל פון הימל דערגרייכט.
דאָס האָבן די מיליאָסן שטערן
זייערע אָרעמס פאַר דיר געעפנט און צעפּראַלט,
אַז ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן פון דיר מיטאַמאָל
די גרויל פאַר די פּחדיקע בערג
און ס׳איז פאַרשוואונדן גלייך
די שוואַרצע ווייט און סודותדיקער רוים.

דיין האַלדז האָט זיך געטורעמט הויך און העכער,
אַזויפיל שטערן האָסטו קיינמאָל ניט דערבליקט,
אַזויפיל שפּילערייען „אין כאַפּערלעך"
און לויפענישן און שטיפענישן
און האַוועניש און האַפּקענישן,

אַזויפיל בלישטשענישן און ווינקענישן,
ווי זיי וואָלטן אַלע, אַלע נאָר צוליב דיר געלויכטן,
ווי זיי וואָלטן זיך געפעדערט און געריסן
צו ווייזן דיר דעם וועג און שטעג
צו ליכט און פרייד און פאַרגעניגן.

דו האָסט זיך איינגעהערט און איינגעהאָרכט
און קלאָר און לויטער איז געווען דאָס קול פון אויבן,
און די ווייסע שיינוואַרפערס געפאַלן זיינען צו דיינע פיס
און אויסגעשפרייט דעם ליכטיקן מאָרגן פאַר דיר.

און משה מיט די לוחות
און ירמיהו מיט אליהון ביי דער זייט

און יהודה המכבי און חנה מיט די זין
און דיין האַלב־בלינדער זיידע
און דער טאַטע מיט דער ברייטער ברוינער באָרד —
זיי אַלע זיינען מיטגעגאַן מיט דיר
אויפן גלייכן גלאַטן ליכטיקן און לאַשטשענדיקן וועג
און די שטערן האָבן זיך געשטופּט און געשטויסן
און געלויכטן און געזילבערט און געקוואַלן:
מאַכט אַ וואָרע, מאַכט אַ וואָרע!

.12

און קליין און נישטיק איז געוואָרן
די וועלט פון ציוויליזאַציע
און די באַפעלן פון רעגירער
זיינען אויף פּיץ־פּיצלעך צעשאָטן געוואָרן.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַראַד הגדול
דאָ ביינאַכט, אין שטיינערדיקן, שטומענדיקן מדבר.

פאַרוים — די באַטאַליאָנען בלישטשענדיקע שטערן,
באַגלייט פון ווייסן יום-טובדיקן הימל.
און דו —
אַרומגערינגלט פון שבתדיקע, פּרצדיקע יידן,
באַגאַרטלט מיט בטחון,
האָסט דורכגעבויערט פינצטערניש,
וואָס האָט געדראָט מיט שוואַרצקייט.

און יעדער טראָט געוואָרן איז באַדעקט
מיט פרישן מאָרגן-טוי
און יעדער טראָט — אַ זילבער גלעקל
און יעדער טראָט — אַ פליט אַ גאָלדענע.

און באַלד האָט זיך צעגאָסן איבער רוים
אַ זינגעניש אַזאַ, אַ בלענדעניש, אַ הללויה,
וואָס איז געווען באַהאַלטן און פאַרבאָרגן
אין היילן און אין בערג;
אין שפּאַלטן און אין לעכער.
דערהערט האָט זיך אַזאַ געזאַנג,

וואָס האָט די ערד אַ הויב געטאָן,
דערהויבן זי און אָנגעזאַפּט
מיט גלויבן און מיט פרייד אַזאַ.

און מדבר איז געוואָרן דער משיח
און שטילקייט — דער שופר זיינער.
און פון אַלע בערג און הויכן
האָט געשאַלט, געיובלט, געהאָרנט,
און ס׳האָבן די נביאים און די קדושים
מיט ליכטיקע געזיכטער
געזונגען, צעקלונגען, אַרויסגעשאַלט פון טיפע קעלן
דאָס ליד דאָס פריידיקע פון ליבע און פון לעבן.

נאָר האָסט געאַנט און האָסט באַנומען,
אַז האָסט געלאָזן ערגעץ־וואו
די וועלט געשמידט אין קייטן
וואו ס׳האָט געברענט, געפלאַקערט שנאה,
וואו ס׳האָט געריטשעט ליד פון מאָרד

און שטעט געוואָרן זיינען חורבות
און מענטשן־גוף געוואָרן איז צעדרויבט
ווי ליים און אָפּפאַל
און אַלץ אין נאָמען פון ציוויליזאַציע,
אין נאָמען פון שלום — בלוטיקע מלחמות;
אין נאָמען פון מענטשלעכקייט —
אַ קאַרניוואַל פון קאַניבאַלן;
אין נאָמען פון פרייהייט —
געקלימפּער פון קייטן און צאַמען.

נאָר פאָרויס פון דיר —
די פאָדערשטע ריי פון פאַראַד הגדול,
די שענסטע לייט פון אַלע דורות,
אין ווייסע קיטלען,
מיט אויגן ליכטיקע,
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס ווארעמע,
מיט פּנימער פון פרייד און נחת־רוח.

און ס'הילכט דאָס ליד פון יום-טוב,
שאַלט אַלץ העפּטיקער און קרעפּטיקער
דאָס ליד פון מוטיקן מאַרטירער,
דאָס אַלט-נייע ליד,
וואָס מדבר האָט באַהאַלטן טיף
אין זיך, פון משהס צייטן אָן.

.13

דער מדבר וועט ווערן באַוואַסערט,
באַפּרוכפּערט וועט ווערן די ערד
און מער וועט דער מענטש זיך ניט האַסן,
פון פרייד נאָר פאַרגיסן אַ טרער.

ניט קאָנען פאַרשטיין וועלן דורות,
ווי מענטש האָט אַ מענטשן געטויט.
פאַרשווינדן אויף אייביק וועט מורא,
פאַרשווינדן דער הונגער פאַר ברויט.

ניט זיין וועלן הערצער ווי שטיינער,
נאָר וואַרעמען וועט יעדער בליק
און אַלע זיך מיען פאַר איינעם,
מיט ליבשאַפט וועט מענטש זיין באַגליקט.

געבליבן געטריי און באַגלויביק
דאָס מונטערע ערלעכע ליד.
דאָס פשוט געזאַנג איז פון אייביק
מיט האַמערס פון גלויבן געשמידט.

דעם מדבר האָפערדיק פאַרלאָזן,
באַגלייט פון די געטרייע פריינט.
צעגרינט זיך האָבן פריש די גראָזן,
און העל האָט זון אויף בערג געשיינט.

אַ נייער פון מדבר געקומען,
מיט גלויבן, מיט האָפענונג, מיט האָפט.
דעם היינט און דעם מאָרגן באַנומען,
מיט ליבשאַפט, מיט דויער און קראַפט.

14.

נביא, נביא, קום צוריק אין פרייען, לויזן מאַנטל ;
לאָמיר איבער הונגעריקע לענדער שוין אַ שפּאַן טאָן.

לאָמיר איינזאַמלען פון אָדם-חוה אַלע שטאַמען.
אָ, ווי ס׳נויטיקט זיך די וועלט אין גוטע טאַטע-מאַמע.

אויסגעלעכצט איז אונדזער קראַנקע ערד נאָך אַ געניזן,
לאָמיר שטעלן שולדיקע אין אומגליק פאַרן בית-דין.

אויסגעשטרעקט עם האָבן הענט צו אונדז די מיליאָנען,
ווערן וועט אַ ברידערלעכע פאָן פון אַלע פאָנען.

אויפגעריכט וועט ווערן וויסטער מדבר און געדייען,
ס׳וועלן זיך די שטיינער-בערג פון אומעט אויך באַפרייען.

נביא, נביא, הער ווי ס׳כליפּעט וועלט, אָ, אייל זיך אונטער,
רויט איז ערד און בלויער הימל איז געוואָרן צונטער.